ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## תבא

**(חלק כט שיחה א)**

**יוצא לאור על ידי מערכת**

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת תבא, יד־כ אלול, ה׳תשפ״ה (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# תבא

א. בנוגע צו מצות בכורים, וואָס „הבכורים טעונין כלי״[1], זאָגט דער רמב״ם[2]: הביאם בכלי מתכות נוטל הכהן הבכורים וחוזר הכלי לבעליו ואם הביאם בכלי ערבה וחלף[3] וכיוצא בהן הרי הבכורים והסלים לכהנים.

דאַרף מען פאַרשטיין: דער מקור פון דעם דין איז (ווי מפרשים צייכענען אָן) די משנה אין בכורים[4] „העשירים מביאים בכוריהם בקלתות של כסף ושל זהב והעניים מביאין אותם בסלי נצרים של ערבה קלופה והסלים והבכורים ניתנין לכהנים״. און פון דער משנה לערנט די גמרא[5] אַרויס — „מנא הא מילתא דאמרי אינשי בתר עניא אזלא עניותא דתנן עשירים כו׳ והעניים כו׳ הסלים והבכו־רים נותנים[6] לכהנים״.

פון דעם איז משמע בפשטות, אַז דער חילוק צווישן „קלתות של זהב״ און „סלי נצרים״ ווענדט זיך אין דעת הנותן: וויבאַלד אַז ע״ד הרגיל פלעגן די עשי־רים ברענגען די ביכורים אין טייערע כלים „של כסף ושל זהב״, האָבן די נותנים ניט געהאַט בדעה אַוועקצוגעבן די טייערע כלים — ווי רש״י זאָגט מפורש[7] „והעשירים לא היו נותנין קלתו־תיהן לכהן״, בפשטות צוליב זייער טייערקייט — און דערפאַר געהערן זיי צו די בעלים; משא״כ די עניים, וועלכע ברענגען די ביכורים אין כלים פון „סלי נצרים״ (ווייל אין ידם משגת צו טייערע כלים), האָבן זיי אין זינען אַוועקצוגעבן אויך די כלים — און דעריבער באַלאַנגען אויך די „סלים״ צו די כהנים. ואתי שפיר וואָס די גמרא ברענגט דערפון אַ ראי׳ צום כלל „דאמרי אינשי בתר עניא אזלי עניותא״, אַז צוליב דעם וואָס ער איז אַן

---

1) לשון הרמב״ם הל׳ בכורים פ״ג ה״ז — מספרי פרשתנו כו, ב.

2) שם ה״ח.

3) במשנה וספרי (דלקמן) ליתא*. — הלשון „חלף״ נמצא גם ברמב״ם הל׳ בכורים כאן בהלכה שלפנ״ז**. וכן בהלכות (כמצויין בקונקורדנציא לס׳ משנה תורה): שבת פ״י ה״ח; סוכה פ״ה ה״ד וה״ו: מאכלות אסורות פי״א הכ״ג; כלים פ״א הי״ג, פכ״ה הי״ג. ומקורו במשנה כלים פי״ז מי״ז, תוספתא סוכה פ״א, ז (ובסוכה כ, א לגירסת הר״ח), תו״כ מצורע (טו, ד). וראה סוכה לד, א. ערוך ערך חלף (הב׳).

---

*) אולי הייתה כן בגירסת הרמב״ם במשנה, או בספרי. — העירוני ז״ע אשר בפיה״מ הוצאת קאפח, שכותב שהעתיק נוסח המשנה מכת״י הרמב״ם — הגירסא היא כלפנינו. וגם מפירוש המשנה שם משמע לכאורה שלא גרס תיבה זו במשנה (שהרי העתיק בפירושו לשון המשנה „ערבה קלופה״ ולא כתב „וחלף״). וכן בכל שינויי נוסחאות דמשניות (הן שנדפסו על גליון המשניות וכן ב„משנה עם שינויי נוסחאות״ (ירושלים, תשל״ה)) לא הובאה גירסא כזו (ולא בראשונים).

ואולי אפ״ל שבהיד צ״ל „בכלי ערבה קלופה״ ועפ״ז בטלה ג״כ השאלה למה השמיט הרמב״ם תיבה זו בחיבורו. — ולהעיר **דבכת״י** הרמב״ם בחיבורו חילוק התיבות „קלופה״ ו„חלף״ קטן משבדפוס או משבכת״י אחרים ובפרט אשכנזים.

ויש להוסיף: יתכן דגם זה שבהלכה הקודמת נמצא ברמב״ם הלשון „וחלף״ (ראה פנים ההערה) גרם לטעות המעתיק בהלכה זו.

**) ובמקור ההלכה (תוספתא בכורים פ״ב, ח. ירושלמי בכורים פ״ג ה״ה) איתא רק הדין שצריכים להפסיק בין המינים ב„דבר אחר״, בלי פירוט הדוגמאות (שברמב״ם) „כגון הוצין וחלף כו׳״.

---

4) פ״ג מ״ח.

5) ב״ק צב, סע״א.

6) ולא כבמשנה „ניתנין״. וראה לקמן הערה 19 ובשוה״ג.

7) ב״ק שם ד״ה הסלין.

עני ברענגט ער די ביכורים אין „סלי נצרים" — איז „אזלי עניותא" — וואָס אויך די „סלים" בלייבןביים כהן.

דער רמב"ם אָבער איז מדגיש דעם חילוק צווישן „כלי מתכות" און „כלי ערבה", ניט דערמאָנענדיק דעם אונ־טערשייד צווישן עשיר און עני — איז דערפון משמע, אַז לדעת הרמב"ם איז דאָס ניט תלוי אין דעת הנותן [וואָס ווענדט זיך אין דער טייערקייט אָדער ביליקייט פון די כלים, ובפרט אַז „כלי מתכות" קען אויך זיין אַזאַ וואָס האָט ניט קיין גרויסע שווי[8]], נאָר דער חילוק איז פאַרבונדן מיטן סוג הכלי כשלעצמו — צי דאָס איז אַ „כלי מתכות" אָדער „כלי ערבה וחלף".

וא"כ הוא צ"ל לפי שיטת הרמב"ם, אַז דאָס וואָס די גמרא זאָגט דעם מקור צום כלל „דאמרי אינשי בתר עניא וכו'", פון דער משנה אין ביכורים „עשירים מביאין כו'" — מיינט עס (ניט דערפאַר וואָס ביי אַ כלי של עני איז דעת הנותן צו געבן די כלי צום כהן, נאָר) פון דעם מסובב פון דער הלכה: אַז עני כרגיל ברענגט אין „כלי נצרים", און אַזאַ מין כלי דאַרף בלייבן ביים כהן.

— וצריך ביאור בדעת הרמב"ם.

ב. אויפן פסוק[9] „ולקח הכהן הטנא מידך" שטייט אין ספרי: מכאן אמרו העשירים מביאים ביכורים בקלתות של כסף ושל זהב ועניים בסלי נצרים של ערבה קלופה וסלים ניתנים לכהנים לזכות[10] מתנה לכהנים.

לערנען מפרשים[11] דעם פירוש בדברי הספרי: פון דעם וואָרט „הטנא", וואָס לכאורה איז ער איבעריק, לערנט מען אָפּ אַז דער דין „ולקח הכהן" (און ס'ווערט זיינע) איז דוקא „כשהוא טנא, סל בעלמא"[12], משא"כ אויב ס'איז אַ „כלי מתכות" וכיו"ב.

און דער טעם הדבר איז „לזכות מתנה לכהנים", ווי דער תוס' יו"ט איז מבאר[13]: היות אַז די ביכורים־פירות פון די עניים זיינען „מעט", דעריבער האָט מען מתקן געווען אַז אַן עני זאָל אַוועקגעבן אויך דעם סל, וואָס „עם הסל יהי' נחשב מתנה"[14].

ס'איז אָבער מובן אַז מ'קען אַזוי ניט לערנען אין דעת הרמב"ם, וואָרום לפ"ז איז דאָך דאָס תלוי בעיקר (ניט אין דער כלי אין וועלכער מ'ברענגט די בכורים, נאָר) אין כמות הפירות וואָס מען ברענגט לביכורים — און דאָס ווענדט זיך ווידער אין דעם חילוק צווישן עשי־רים און עניים — בעת אַז דער רמב"ם איז נאָר מחלק, כנ"ל, בין סוגי הכלים עצמם און ניט דעם חילוק בין עניים ועשירים אין כמות הפירות וועלכע גע־פינען זיך אין די כלים.

ג. וי"ל דעם ביאור בזה:

דעם גדר החיוב פון נתינת הסל צו די

---

8) להעיר שבפיהמ"ש בכורים שם כתב הרמב"ם: וענין אמרם של כסף מחושקים ומצופים כסף או זהב.

9) פרשתנו כו, ד.

10) כ"ה גם בדפוס ראשון דספרי. וי"ג „(בשביל) לרבות מתנה לכהנים" (ראה ספרי הוצאת האראוויץ כו' נ.י. תשכ"ט. ושם כו"כ גירסאות). — עוד גירסא „לזכות לעניים" (מלבי"ם כאן. וראה ספרי דבי רב — נעתק בהערה 14). ואכ"מ.

11) ספרי דבי רב לספרי שם. וראה חדושי מהרי"ח למשנה בכורים שם בסופה.

12) ספרי דבי רב שם.

13) במשנה בכורים שם.

14) ל' התוי"ט שם. ובספרי דבי רב: מאחר דהעני מסתמא פירות מועטין אית לי' הלכך רבי לי' רחמנא לזכותו שיתן מתנה מעוטה נוספת לכהן על הבכורים.

כהנים צוזאַמען מיט די בכורים קען מען לערנען בכמה אופנים[15]. ומהם:

א) די שייכות פון די סלים מיט די בכורים איז נאָר בהבאתם, אָבער דער דין אַוועקצוגעבן די סלים צו די כהנים איז אַ באַזונדער חיוב נתינה, וועלכער האָט קיין שייכות ניט צו חיוב נתינת הביכו־רים עצמם.

ב) די נתינת הסלים האָט אַ שייכות צו דער נתינה פון די ביכורים, אָבער די שייכות איז נאָר בנוגע דעם חיוב הנ־תינה, אַז דער חיוב נתינת הביכורים להכהן איז גורר אויך די נתינת הסלים — אָבער ניט אַז די מעשה הנתינה פון די סלים איז אינעם זעלבן גדר ווי נתינת הביכורים.

ג) אָדער נאָכמער — אַז די שייכות איז ניט נאָר אין דעם חיוב הנתינה, נאָר אויך אין דער מעשה הנתינה: די ביכורים און די סלים דאַרפן געגעבן ווערן בחדא מחתא אין איין מעשה נתינה.

וי״ל אַז ס׳איז דאָ אַ נפק״מ לדינא צווישן די אופנים:

לויטן ערשטן אופן, אַז די שייכות פון די סלים מיט די ביכורים איז נאָר אין דער הבאה ל„בית ה׳״[16], די נתינת הסלים האָט קיין שייכות ניט מיט נתינת הביכורים — במילא קען דאָס געגעבן ווערן צו וועלכן כהן עס זאָל נאָר זיין, ואולי י״ל אַז אויך לאו דוקא פון אנשי המשמר[17].

לויטן צווייטן אופן, אַז דער חיוב פון נתינת הסלים איז אַ תוצאה פון דעם חיוב נתינת ביכורים, איז מסתבר אַז עס דאַרף געגעבן ווערן צו די כהנים שבאותו המשמר, אַזוי ווי די ביכורים עצמם: אָבער לאו דוקא צו דעם זעלבן כהן (כהנים) וואָס באַקומט די ביכורים;

לויטן אופן הג׳ אָבער, אַז די שייכות איז אויך אין דעם אַז עס דאַרף זיין איין מעשה נתינה, איז פשוט אַז דאָס ווערט געגעבן צו דעם זעלבן כהן (כהנים) ובמעשה אחד מיט די ביכורים.

ד. ועפ״ז יש לומר אַז אין דעם באַ־שטייט דער חילוק צווישן דרשת הספרי לפי מובנה כפשוטו, דרשת הגמ׳ אין ב״ק לפי פרש״י, און דעם פירוש התוי״ט כו׳ בספרי:

א) פון דעם וואָס דער דין, אַז די סלים גיט מען אָפּ צו די כהנים, ווערט אין ספרי אָפּגעלערנט פון פסוק „ולקח הכהן הטנא מידך״ אַלס אַ דין מיוחד אויפן „טנא״ און אויך דערפון וואָס בסיום הענין אין ספרי שטייט „וסלים נותנין לכהנים״ (און זאָגט ניט בלשון המאחדם „וסלים ובכורים ניתנין לכהנים״, ע״ד ווי אין דער משנה)[18] — איז משמע, אַז דער חיוב צו געבן די סלים צו די כהנים איז אַ באַזונדער ענין בהנתינה, ניט די נתינת הבכורים. און דאָס איז כוונת הספרי בסיומו — „לזכות מתנה לכהנים״, אַז ס׳איז אַ באַזונדער „זכות מתנה לכהנים״ וואָס דער עני האָט, מיט דעם וואָס ער גיט דעם „טנא״ צום כהן.

---

15) כמו בכל דבר שבא כטפל וכלי ולבוש לעיקר. לכללות ג׳ (ד׳) אופנים דלקמן להעיר גם ממשנ״ת (לקו״ש חכ״ג ע׳ 143 ואילך) ג׳ האופנים בהגדר דמטפחת ס״ת (ושייכותה להס״ת). וש״נ.

16) נסמן בהערה 28.

17) ועד״ ומעין התורין ובני יונה שהיו מביאין בידם כשהיו מביאין את הבכורים, שאף שהיו ניתנין לכהנים (רמב״ם שם ה״ט), אין נתינה זו שייכת לנתינת הבכורים לכהנים (ראה רדב״ז לרמב״ם שם: אותם שבידם היו דורון לכהנים) — ולכאורה אין חיוב ליתנם לאנשי אותו המשמר דוקא.

18) כ״ה גם בדפוס א׳ דספרי, יל״ש ובכ״מ. וכן הובא מספרי בתוי״ט שם. ובספרי הנ״ל הערה 10 „והסלים והבכורים״.

ב) אין גמרא ב״ק וואו די משנה ווערט געבראַכט אַלס מקור אויף דעם וואָס „אמרי אינשי בתר עניא אזלי עניו־תא", איז מוכח פון דעם וואָס רש״י באַוואָרנט דאָרט בפירושו „והעשירים לא היו נותנין קלתותיהן לכהן" — אַז די נתינת הסלים פון די עניים צום כהן האָט אַ שייכות מיט זייער עניות'דיקער נתינה פון בכורים; ומזה, אַז זיי גיבן אַוועק די סלים בנוסף צו נתינת הבכורים[19]. אָבער מאידך, איז דערביי ניטאָ קיין הוכחה צו זאָגן, אַז די סלים זאָלן האָבן אַ שייכות צו די ביכורים עצמם עד כדי כך אַז זייערע נתינות זאָלן דאַרפן זיין אַ מעשה אחד (ואדרבה: עס וואָלט ניט אַזוי מתאים געווען דער לשון „אזלי עניותא" אויב די סלים וואָלטן געווען אַ חלק הנתינה פון די ביכורים).

ג) לויטן פירוש התוי״ט וכו׳ אין ספרי „שהעניים מביאין מעט ועם הסל יהי׳ נחשב מתנה" — והיינו, אַז דער סל איז (אַזוי ווי) משלים די ביכורים אַז זיי זאָלן זיין „נחשב מתנה" — איז מסתבר צו זאָגן, אַז נתינת הסלים דאַרף זיין בנתינה („מתנה") אחת מיט די ביכורים, בכדי אַז די בכורים זאָלן זיין „כדי נתינה"[20].

ה. וי״ל, אַז דער רמב״ם לערנט אין דעם אַ פערטן אופן — ובחידוש נוסף אויף די אופנים הנ״ל:

ניט נאָר איז דער סל פאַרבונדן מיט די בכורים אין דער מעשה הנתינה, נאָר ער ווערט ווי איין זאַך אין די בכורים (והבאת הבכורים)[21]: ווען[22] איז די שלימות הבכורים ושל קיום מצותם — הבאת בכורים, בשעת די פירות ווערן געבראַכט אין אַ כלי און די כלי ווערט ווי אַ טייל[23] פון די בכורים. בסגנון אחר: די שייכות איז ניט נאָר אין דעם פועל און פעולה (ווי לויט דעם צווייטן און דריטן אופן), נאָר אויך אין דעם נפעל, עס ווערט איין זאַך.

און דאָס מאַכט דער רמב״ם קלאָר מיט דעם וואָס ער שטעלט די הלכה „הביאם בכלי מתכות כו'" בהמשך צו דער פריערדיקער הלכה „הבכורים טעונין כלי" (ניט ווי אין דער משנה, וואו דאָס ווערט געבראַכט אַלס אַ באַזונדער דין והלכה אינעם אופן ההבאה פון עשירים ועניים), ד.ה. אַז די כלי (איז פאַרבונדן, און) ווערט איין זאַך מיט די בכורים: און אין דעם דין איז ניטאָ קיין חילוק צווישן איין סוג כלי און אַ צווייטן.

און דאָס וואָס דער רמב״ם איז מחלק צווישן „כלי מתכות" און „כלי ערבה וחלף" איז נאָר דערפאַר וואָס ביי „כלי מתכות" איז דאָ אַ דין מיוחד[24], כדיוק לשון הרמב״ם „חוזר הכלי לבעליו"[25] —

---

19) שהובא שם לשון המשנה הסלים והבכורים נותנים* לכהנים.

20) משנה ראשונה בכורים שם.

*) כ״ה בש״ס לפנינו. וראה דק״ס שם, שבכל הכ״י ובדפוסים ישנים כו׳ **ניתנין**, כבמשנה (או נתונים).

21) אבל לא בקדושתם (והקליפות וכו׳ יוכיח) — שלא נמצא בשום מקום חידוש גדול זה.

22) להעיר מחדא״ג מהרש״א ב״ק שם.

23) להעיר מדין תוספת ועיטור בכורים (שברמב״ם שם פ״ב הי״ח) לפי הצפע״נ מהד״ת (ח, ד). וי״ל דשאני עיטור בכורים דמצד חשיבותם אין לומר עליהם דבטלים אגב בכורים לגמרי. ולהעיר גם מב׳ סוגים בהתורים ובני יונה שהיו מביאים עם הבכורים (ראה רמב״ם הנ״ל הערה 17). ואכ״מ.

24) להעיר ממאירי ב״ק שם: כבר ידעת שהבכורים טעונים הבאה בכלי כו׳ ומכל מקום אם היו מביאין אותם בכלי מתכות היו הכלים חוזרין לבעלים ואם כו׳ הסלים לכהנים. שמלשונו משמע שמצד הדין ש„הבכורים טעונים כלי" הי׳ צ״ל כל הכלים לכהנים.

25) וברע״ב שם: וקלתות של עשירים מחזירים

**ד.ה. מצד די בכורים ומצות הבאתם ווערט די כלי, אויך כלי מתכות[*25], איין זאַך מיט די בכורים[26], וואָס דוקא דורך דעם ווערט אויפגעטאָן די „מצות עשה להביא בכורים למקדש"[27] — ס'איז נאָר וואָס** נאָכדעם **איז „**חוזר **הכלי לבעליו", ער ווערט ניט ממון כהן: משא"כ ביי „כלי ערבה וחלף וכיוצא בהן" — אינו חוזר, די כלי בלייבט איין זאַך מיט די ביכורים אויך שפּעטער.**

**[און דעם טעם ההפרש יש לומר: ביי כלי מתכות, וויבאַלד אַז די שייכות ביניהם איז נאָר מצד דעם דין „הבכורים טעונין כלי", דעריבער איז אויך דער פאַרבונד פון דער כלי מיט די פירות פון בכורים נאָר בנוגע לקיום המצוה — הבאת בכורים „בית ה' אלקיך"[28]; אָבער ביי „כלי ערבה וחלף וכיוצא בהן", וואָס אויך** במציאותם **(הטבעית) ועכ"פ בחשיבותם (השווי שלהם) האָבן זיי אַ שייכות, איז דאָס „אהני" צום גדר הכלי** שבהם **(„בכורים** טעונין **כלי"), אַז דאָס ווערט** לגמרי **ווי איין זאַך מיט די פירות,** ע"ד **ווי די קליפה פון די פירות בכורים עצמם].**

**ו. ע"פ הנ"ל וועט צוקומען הסברה והמתקה אין נאָך כמה שינויים ודיוקים בדברי ובלשון הרמב"ם:**

**א) ער איז משמיט די הדגשה וועגן דעם** גברא **המביא — עשיר ועני, און רעדט נאָר וועגן מעשה ההבאה ביחס להחפצא של הבכורים, „**הביאם בכלי **מתכות . .** הביאם בכלי **ערבה וחלף וכו'" — וואָס דאָס איז מובן בפשטות, כנ"ל.**

**ב) ער איז משנה (און משמיט) דעם לשון המשנה (און אויך פון ספרי וגמרא) „והסלים והבכורים** נותנין **(ניתנים)[29] לכהנים", זאָגנדיק „**הרי **הבכורים והסלים** לכהנים**" — להדגיש, אַז זייער שייכות זל"ז איז ניט מוגבל אין (און צוליב) דער** נתינה **(להכהן), נאָר זיי זיינען ווי איין זאַך, „הבכורים והסלים", וואָס באַלאַנגט צום כהן.**

**ג) ער איז מהפך דעם** סדר **ווי זיי שטייען אין דער משנה „הסלים והבכורים"[30], און שרייבט „הבכורים והסלים"[*30] — אע"פ אַז „הסלים" איז דער חידוש — ווייל דער לשון „הסלים והבכורים" גיט אַן אָרט צו מדייק זיין אַז די סלים (שטייענדיק פריער) איז אַ באַזונדער ענין פון די ביכורים, און דערפאַר שרייבט דער רמב"ם „הבכורים והסלים", וואָס דערמיט איז מודגש אַז די סלים זיינען נמשך און כרוך (ווי אַ פרט) פון די בכורים.**

**ד) ער איז מסיים די הלכה „ואם נטמאו הבכורים אין הסלים לכהנים"[31]**

להן. וראה תוי"ט וחידושי אנשי שם למשנה בכורים שם.

*25) משא"כ להאופנים הנ"ל (ס"ג), מלכתחילה אין בכלי מתכות דין נתינה לכהן. — ומובן בפשטות הא שבמשנה וספרי לא נזכר כלל מה עושים עם קלתות של כסף כו' דהעשירים.

26) להעיר מהל' שבת שהכלי בטל להנמצא בו ותלוי אך בשיעורו (משנה שבת צג, סע"ב. רמב"ם הל' שבת ספי"ח), גם כלי זהב.

27) לשון הרמב"ם הל' ביכורים רפ"ב. וראה רמב"ם שם ה"כ וברדב"ז שם.

28) משפטים כג, יט. תשא לד, כו. הובא ברמב"ם שם פ"ב ה"כ.

29) ראה לעיל שוה"ג להערה 19. חלופי נוסחאות לספרי (הנ"ל הערה 10).

30) ועד"ז הובא בב"ק שם. ברדב"ז לרמב"ם שם פ"ג ה"ח מעתיק לשון המשנה „והבכורים והסלים". אבל לכאורה אין לדייק בזה ברדב"ז, שבפשטות כתב כן אגב שיגרא דלישנא דהרמב"ם, ובפרט דלא מצינו בכל השי"נ דהמשנה שהובאו (בס' המשניות) „הבכורים והסלים". וגם בסיום לשונו דהרדב"ז שם כתב „והסלים והבכורים".

*30) כן דייק גם בהון עשיר לבכורים שם.

31) והוא מירושלמי בכורים פ"א ה"ז (לפי גירסת הרמב"ם — ראה כס"מ).

— בהתאם וכתוצאה פון דעם תוכן ההלכה אַז די „סלים" זיינען איין זאַך מיט די בכורים[32], וואָס דערפאַר איז ביי די סלים נוגע ומכריע דער מצב הביכו־רים וכו׳[33].

ז. מ׳דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין די שייכות (בפנימיות הענינים עכ"פ) צווישן בכורים מיט דער כלי, ובפרט „כלי ערבה וחלף":

בכורים זיינען מדגיש דעם תכלית המעלה והשלימות, בפשטות בגשמיות בהם עצמם — מראשית[34] גו׳, „אין מביאין בכורים אלא משבעת המינים האמורים בשבח הארץ .. ואם הביא חוץ משבעת המינין לא נתקדשו"[35]; וכן בכללות וברוחניות — „אינם נוהגים אלא בפני הבית ובארץ ישראל בלבד"[36], די „ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[37].

וכנ"ל אין די מינים גופא, דאַרפן זיי זיין מראשית פון די פירות הכי מובחרים — „אין מביאין לא מתמרים שבהרים ולא מפירות שבעמקים ולא מזיתי שמן שאינם מן המובחר אלא מתמרים שבעמקים ומפירות שבהרים לפי שהן מן המובחר ואם הביא .. לא נתקדשו"[38] —

וביחד עם זה זאָגט מען, אַז „בכורים טעונין כלי", אַז קדושת בכורים וקיום מצותם איז פאַרבונדן מיט אַ כלי (והגבלה); און נאָכמער: פון סיום ההלכה ברמב"ם „ואם נטמאו הבכורים (וואָס דעמאָלט פעלט אין שלימות המצוה פון בכורים — ס׳איז ניטאָ די הנחה לפני המזבח[39]) אין הסלים לכהנים", איז מובן אַז ווען די סלים בלייבן יע ביי די כהנים, איז דאָס אַ שלימות און מעלה אין ביכורים, וואָס דאָס איז שייך, כנ"ל, דוקא ביי אַ „כלי ערבה וחלף" — דברים פשוטים (ע"ד פסולת גורן ויקב)!

ובסגנון קצר, ווי קומט עס, אַז ביי בכורים, וואָס זיינען כשמם בכורים, די ערשטע און די בעסטע בשבח הארץ, וואָס דאַרפן געבראַכט ווערן אין בית ה"א, ביז לפני מזבח ה׳ אלקיך, זאָל די שלימות זיין פאַרבונדן דוקא מיט כלי (ובגלוי יותר — בכלי ערבה וחלף)?!

ח. וי"ל דעם ביאור אין דעם:

ס׳איז ידוע[40] אַז בכורים זיינען מרמז אויף אידן, וכמ"ש[41] „כבכורה בתאנה בראשיתה ראיתי אבותיכם", און ווי דער צ"צ[42] איז מבאר בארוכה, אַז דער ענין פון בכורים ווייזט אויף נשמות ישראל ווי זיי זיינען בשרשן למעלה, וואָס

32) ועפ"ז יומתק זה שהרמב"ם מכריע כגירסא זו ולא כגירסת הר"ש והרא"ש בבכורים פ"א מ"ח — הובא בכס"מ שם.

וע"פ הנ"ל י"ל דלפי הירושלמי (וכגירסת הר"ש והרא"ש) ד„נטמאו הבכורים הסלים נתנין לכהנים דכתיב כו'" — הוי כאופן הא' (או הב') הנ"ל ס"ג. ועצ"ע.

33) ראה (מ"ש בדעת הרמב"ם) מהר"י קורקוס (בביאורו הב') וכס"מ כאן.

34) — כפשש"מ (רש"י, ספורנו ועוד). וע"ד ההלכה ראה: מנחות פד, ב ובפרש"י שם. ספרי ריש פרשתנו (כו, ב). ירושלמי בכורים פ"א ה"ג. פיהמ"ש להרמב"ם בכורים שם.

35) רמב"ם שם ה"ב.

36) רמב"ם שם רפ"ב.

37) עקב יא, יב.

38) רמב"ם שם ה"ג.

39) ראה מהר"י קורקוס לרמב"ם כאן ה"ח (בביאורו הא'). מרה"פ לירושלמי שם.

40) זח"ג רנג, א. וראה ב"ר רפמ"ו. זח"ב קכא, א. ועוד.

41) הושע ט, י.

42) אוה"ת פרשתנו (ע' תתרלג ואילך. תתרלט ואילך). וראה בהנסמן שם.

דאָרטן איז „מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר"[43], אויך („קדמה") לתורה

[וואָס דערפאַר[42] איז דער דין אַז בכורים זיינען קודמים אויך לתרומה[44]: אע"פ אַז ביידע, סיי תרומה און סיי בכורים, ווערן אָנגערופן „ראשית"[45], פונדעסטוועגן זיינען בכורים קודמים לתרומה — ווייל דער ראשית פון תרומה (אותיות „תורה מ"") איז דער ענין התורה (וואָס אויף תורה שטייט[46] „ה' קנני ראשית דרכו"), און דער ראשית פון בכורים איז מרמז אויף אידן (וואָס אויף זיי שטייט[47] „קדש ישראל לה' ראשית תבואתה"), און כשם ווי „ישראל קדמו לתורה"[48], אַזוי זיינען בכורים קודמים לתרומה].

און אע"פ אַז די נשמה ווי זי איז למעלה איז „קדמה לכל דבר", זי שטייט דאָרט אין אַ דביקות באלקים חיים, כמ"ש[49] „חי ה' . . אשר עמדתי לפניו", ביז בבחי' „טהורה היא" — אעפ"כ קומט די נשמה אַראָפּ דאָ למטה דוקא אין אַ „כלי", נשמה בגוף, וואָס איז מגביל איר גילוי הקשר מיטן אויבערשטן, און נאָכ־מער — די „כלי" איז מעלים ומסתיר אויף דער דביקות הנשמה באלקות.

איז דאָך אָבער ידוע, אַז די ירידה גדולה מאיגרא רמא לבירא עמיקתא איז כדאי, דאָס איז אַ ירידה צורך עלי': און דוקא על ידי ירידתה למטה בכלי הגוף, ווערט אויפגעטאָן אין דער נשמה אַזאַ עלי', אַז זי ווערט דורך דעם נתעלה נאָך העכער פון דעם מצב ווי זי איז געווען בשרשה למעלה[50]. דורך דעם ווערט אין איר אַנטפּלעקט די אמת'ע בחי' „בכורים" שבה, דאָס וואָס זי איז איין זאַך[51] כביכול מיט עצמותו יתברך, ישראל וקוב"ה כולא חד.

און כשם ווי דאָס איז בנוגע כללות ירידת הנשמה למטה, אַזוי איז דאָס בפרט אין עבודת האדם דאָ למטה: דער תכלית הכוונה אין עבודת האדם דריקט זיך אויס בעיקר ניט אַזוי אין איר עבודה בענינים רוחניים — אהבה ויראה של הנשמה[52] — נאָר דוקא בקיום מצות מעשיות[53]; דורך מקיים זיין מצות במעשה בפועל, וואָס ווערט געטאָן דוקא מיטן כח הכי תחתון פון גוף, אַזוי אַז די גאַנצע מציאות פונעם גוף ווערט אַ כלי וחלק של קדושת הנשמה — טוט זיך אויף די שלימות העלי' של הנשמה, ובאופן אַז דער גילוי העצמות לעתיד לבא[54] בזמן התחי' (בית ה"א) וועט זיין לנשמות בגופים דוקא[55].

---

43) ב"ר פ"א, ד.

44) וכמו שאומרים בוידוי מעשר שבפרשתנו — ראה פרש"י כו, יג.

45) בכורים: משפטים כג, יט. תשא לד, כו. תרומה: קרח יח, יב (ובפרש"י). שופטים יח, ד (ובפרש"י). פרש"י פרשתנו שם.

46) משלי ח, כב. הובא בפרש"י עה"ת ר"פ בראשית.

47) ירמי' ב, ג. הובא בפרש"י שבהערה הקודמת.

48) תדא"ר פי"ד.

49) מ"א יז, א. יח, טו. מ"ב ג, יד. ה, טז. זח"א רלג, ב. ח"ג סח, ריש ע"ב. וראה לקו"ש חכ"ה ע' 147 הערה 53.

50) ראה לקו"ת במדבר ב, סע"א ואילך. ראה כה, א. כז, א ואילך (ועוד). ושם — שהיא הבחי' ד„לאשתאבא בגופא דמלכא".

51) ראה המשך תרס"ו ע' תצא ואילך. תקב ואילך. ועוד.

52) ראה תניא ספ"מ. ובכ"מ.

53) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ריש ע' שה. וראה אגה"ק סוס"כ.

54) ראה לקו"ת במדבר שם „כי עיקר גילוי בחי' זו (לאשתאבא בגופא דמלכא) יהי' לעתיד".

55) לקו"ת בהר מב, ב. ובכ"מ.

וואָס דער טעם דערויף איז, ווי דער אַלטער רבי איז מבאר אין תניא[56] (לגבי כללות העולמות), אַז „תכלית השתלשלות העולמות וירידתם ממדרגה למדרגה אינו בשביל עולמות העליונים הואיל ולהם ירידה מאור פניו ית׳, אלא התכלית הוא עוה״ז התחתון״, וואָס ער איז דער „תחתון במדרגה שאין תחתון למטה ממנו״ ווייל „נתאוה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים״. און דוקא דורך דעם וואָס עוה״ז התחתון ווערט אַ דירה לו ית׳, לו לעצמותו, ווערט אַן עלי׳ אויך אין גאַנץ סדר השתלשלות, אויך אין די עולמות הכי עליונים[57].

ועד״ז איז דאָס בנוגע להנשמה, אַז דוקא דורך ירידתה למטה אין עוה״ז התחתון — בכלי הגוף — און זי פירט דורך די כוונה פון לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים, וואָס דאָס איז דוקא דורך דער פעולה אין עוה״ז, און דאָרט גופא אין דער בחי׳ „תחתון״ שבו, קיום המצות במעשה, ווערט אויפגעטאָן די שלימות ה„טהרה״ וה„קדושה״[58] פאַר דער נשמה און דעם גוף וגם יחד, און אין דעם גופא באַשטייט איר עלי׳, וואָס איז נאָך העכער ווי איר מעלה ועילוי לפני ירידתה.

ט. און כשם ווי דאָס איז דער תוכן רוחני (ופנימי) פון ענין הבכורים, עד״ז איז דאָס אין דעם קיום מצות בכורים כפשוטה, אַז דער אופן ווי די בכורים קומען אין „בית ה״א״, „אל המקום אשר יבחר ה״א לשכן שמו שם״[59], וואָס דאָס איז שלימות קדושתם, איז דוקא על ידי כלי, און אין „כלי״ גופא איז התאחדות הכלי לתמיד אין אַ כלי פון דברים הכי פשוטים ופחותים (אין תחתון למטה ממנו) כלי ערבה וחלף.

און דורך דעם עסק אין הלכות בכורים, ווי דאָס איז אין תורה אחת, נגלה דתורה ופנימיות התורה[60], און אין דעם זמן ווען מ׳לערנט און מען לייענט דאָס אין תורה, וואָס דאָס איז אויך דער זמן פון הבאת בכורים כדבעי (ווען מ׳איז מביא וקורא) „בשעת שמחה מחג השבועות עד סוף החג״[61], איז מען ממהר קיום הברכה (מיד — במילא[62] וועט זיין) אַז „תשנה לשנה הבאה״[63], הבאת בכורים בפשטות אין דעם ביהמ״ק השלישי,

שיבנה במהרה בימינו על ידי משיח צדקנו, ושמחת בכל הטוב[64], ושמחת עולם על ראשם[65].

(משיחות ש״פ תבא תשד״מ)

---

56) פל״ו.

57) ראה ד״ה ת״ר נר חנוכה תרמ״ג (נדפס בסה״מ תרמ״ג ע׳ לה ואילך, ובהתמים (חוברת ג׳) ע׳ 278 ואילך) ספ״א. לקו״ש חי״ח ע׳ 33.

58) ראה לקו״ת ראה שם (כז, א). וראה גם המשך תרס״ו שם (ע׳ תקב ואילך). ועוד.

59) פרשתנו כו, ב.

60) כבזח״ג (קנב, א) דהם גוף ונשמה.

61) לשון הרמב״ם שם פ״ד הי״ג.

62) כידוע פירוש כ״ק מו״ח אדמו״ר ב„לשנה הבאה בני חורין״ (ספר השיחות תש״ה ע׳ 83).

63) פרש״י פרשתנו כו, טז.

64) פרשתנו כו, יא. הובא ברמב״ם שם.

65) ישעי׳ לה, יוד. נא, יא.